# מַעֲשִׂיּוֹת

## דעם רבינ'ס

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

**מעשה ח'**
**מרב ובן יחיד**
**גליון 55**

## שַׁבַּת שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!

כַּיָּדוּעַ בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, שֶׁהַמַּעֲשֶׂה מֵרַב וּבֵן יָחִיד הָיָה סִפּוּר אֲמִתִּי, **וּמוֹהַרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כְּשֶׁנָּסַע אֶל רַבֵּנוּ, פָּגַשׁ בְּאָבִיו שֶׁל הַבֵּן הַיָּחִיד, שֶׁחָזַר מֵרַבֵּנוּ בִּבְכִי עַל אָבְדַן בְּנוֹ.** (שִׁישַׁ"ק) וּבַקַּיִץ תקס"ו סִפֵּר רַבֵּנוּ זַ"ל לְתַלְמִידָיו אֶת כָּל הַמַּעֲשֶׂה.

וְעִם כָּל זֶה אָנוּ רוֹאִים שֶׁהַסִּפּוּר נִכְתַּב גַּם בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת, שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל הִפְלִיג מְאֹד בְּגָדְלָתָם, כְּמוֹ **שֶׁנִּשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר הֵם חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד, וּרְאוּיִים לְדָרְשָׁם בָּרַבִּים,** (חיי מוהר"ן ס"ג) וְהֵם מְסֻגָּלִים מְאֹד אֲפִלּוּ רַק לִקְרֹא אוֹתָם בְּלִי לְהָבִין, וְכָל מִלָּה וְאוֹת זֶה מְכֻוָּן וּמְדֻקְדָּק, **וּמִזֶּה תִּלְמַד שֶׁבְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁל הַמַּעֲשִׂיּוֹת יֵשׁ מְכֻוָּן גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד מַה שֶּׁאֵין הַפֶּה יָכוֹל לְדַבֵּר וְהַלֵּב לַחְשֹׁב.** (שיחות הר"ן קמח) אֶפְשָׁר לְהָבִין מִזֶּה, שֶׁהַמַּעֲשֶׂה מֵרַב וּבֵן יָחִיד אֵינוֹ רַק מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה, אֶלָּא זֶה מַעֲשֶׂה כְּלָלִי, שֶׁקּוֹרֶה בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ.

רַבֵּנוּ זַ"ל מְתָאֵר אֶת הַרְגָּשַׁת הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּנוּ, **"שֶׁהָיָה מַרְגִּישׁ בְּעַצְמוֹ שֶׁחָסֵר לוֹ אֵיזֶה חִסָּרוֹן, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַהוּ, וְלֹא הָיָה מַרְגִּישׁ טַעַם בְּלִמּוּדוֹ וּבִתְפִלָּתוֹ".** מִי לֹא מִתְחַבֵּר לִתְחוּשַׁת הַחִסָּרוֹן הַזֹּאת? מַשֶּׁהוּ חָסֵר לִי, לֹא יוֹדֵעַ מָה אֲנִי רוֹצֶה, לֹא מַרְגִּישׁ טַעַם בְּמַה שֶּׁאֲנִי עוֹשֶׂה, מַתְחִילִים לְחַפֵּשׂ בָּאֲרוֹנוֹת, אוּלַי חָסֵר לִי מַשֶּׁהוּ לֶאֱכֹל?... מַשֶּׁהוּ מָתוֹק... מַשֶּׁהוּ חָסֵר !!!...

הַבֵּן יָחִיד בַּמַּעֲשֶׂה שֶׁלָּנוּ הָיָה בַּעַל מַדְרֵגָה, הוּא כְּבָר הֵבִין שֶׁמַּה שֶּׁחָסֵר לוֹ בַּחַיִּים זֶה קֶשֶׁר עִם ה', חָסֵר לוֹ טַעַם בַּתְּפִלָּה וּבַלִּמּוּד, **"וְהָיָה לוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל תָּמִיד",** הָיָה לוֹ הַתְמָדָה בַּלִּמּוּד, וְגַם הָיָה מִתְפַּלֵּל, אַךְ הָיָה חָסֵר לוֹ הַטַּעַם, הַנְּעִימוּת וְהַמְּתִיקוּת, הַחֵשֶׁק וְהָרָצוֹן בַּעֲבוֹדַת ה'. **"וְנָתְנוּ לוֹ עֵצָה שֶׁיִּסַּע לְאוֹתוֹ צַדִּיק".** מָה הָעֵצָה לְהַרְגָּשַׁת הַחִסָּרוֹן וְחֹסֶר הַטַּעַם בַּעֲבוֹדַת ה'? לִנְסֹעַ לַצַּדִּיק! רַבֵּנוּ זַ"ל מְלַמֵּד אוֹתָנוּ, שֶׁהַחִסָּרוֹן אֵינוֹ סְתָם דִּמְיוֹן, מַשֶּׁהוּ בֶּאֱמֶת חָסֵר לָנוּ, וְהַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי הוּא יוֹדֵעַ מַה בֶּאֱמֶת חָסֵר לָנוּ, הוּא יָדַע אֶת מַה שֶּׁהַבֵּן יָחִיד לֹא יָדַע, **"שֶׁאוֹתוֹ בֵּן הַנַּ"ל עָשָׂה מִצְוָה שֶׁבָּא עַל יָדָהּ לִבְחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן"** הַצַּדִּיק רוֹאֶה וְיוֹדֵעַ אֶת הַמִּצְווֹת וְהַמַּעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁעָשִׂינוּ, וְגַם לְמָה אָנוּ יְכוֹלִים לִזְכּוֹת עַל יְדֵי זֶה, אַךְ בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לִנְסֹעַ וּלְהַגִּיעַ אֵלָיו.

אַחֲרֵי שֶׁהֵבַנּוּ עַד כַּמָּה יָקָר וְנִצְרָךְ לִנְסֹעַ לַצַּדִּיק, אֶפְשָׁר גַּם לְהָבִין לָמָּה יֵשׁ עַל זֶה כָּל כָּךְ הַרְבֵּה מְנִיעוֹת. **"וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ"** (ליקוטי מוהר"ן תנינא מ"ו) הַשֵּׂכֶל לֹא מֵבִין מָה הַקֶּשֶׁר בֵּין הַנְּסִיעָה לַצַּדִּיק לְחֹסֶר הַטַּעַם שֶׁלִּי בַּחַיִּים. אֵיךְ בְּדִיּוּק זֶה הוֹלֵךְ לַעֲזֹר? זֶה לֹא עִנְיָן שֶׁאֶפְשָׁר לַשֵּׂכֶל לְהָבִין, כְּמוֹ שֶׁגַּם אֵינוֹ מֵבִין אֶת הַרְגָּשַׁת הַחִסָּרוֹן, **"שֶׁחָסֵר לוֹ אֵיזֶה חִסָּרוֹן, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַהוּ,"** הַשֵּׂכֶל לֹא מֵבִין מֶה חָסֵר לְךָ? מַה לֹּא טוֹב? **שֶׁזֶּה עִקַּר הַמְּנִיעָה** וְהַבִּלְבּוּל שֶׁמַּרְחִיק אֶת הָאָדָם מִלְּהַגִּיעַ לַצַּדִּיק, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בַּמַּעֲשֶׂה זוֹ, אֶפְשָׁר לְבַלּוֹת אֶת כָּל יְמֵי חַיָּיו בְּתוֹךְ הַמְּנִיעוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים הָאֵלּוּ, כִּי הַשֵּׂכֶל יָכוֹל מְאֹד לְבַלְבֵּל, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ **"כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם"** (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ב) עַל כֵּן צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וְלִבְכּוֹת הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ, כְּדֵי לִזְכּוֹת לְדַעַת וְשֵׂכֶל אֲמִתִּי, כְּמוֹ שֶׁיָּדוּעַ הָאִמְרָה בֵּין אַנַ"שׁ, שֶׁ**"שֵׂכֶל" זֶה ר"ת שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ**...

אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לִשְׁבֹּר אֶת כָּל **הַמְּנִיעוֹת,** וְעוֹד בַּחַיִּים חִיּוּתוֹ לִנְסֹעַ לַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, וִיקַבֵּל אֶת הָאֲבֵדוֹת וְהַתִּקּוּנִים שֶׁצָּרִיךְ לְקַבֵּל, עַיִן לֹא רָאָתָה... **אָמֵן.**

**שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד שֶׁסִּפְּרָה רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

**מַעֲשֶׂה בְּרַב אֶחָד**, שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ בָּנִים. אַחַר־כָּךְ הָיָה לוֹ בֵּן יָחִיד וְגִדֵּל אוֹתוֹ וְהִשִּׂיא אוֹתוֹ, וְהָיָה יוֹשֵׁב בָּעֲלִיָּה וְלָמַד כְּדֶרֶךְ אֵצֶל הַגְּבִירִים,

**וְהָיָה לוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל תָּמִיד**, רַק שֶׁהָיָה מַרְגִּישׁ בְּעַצְמוֹ שֶׁחָסֵר לוֹ אֵיזֶה חִסָּרוֹן, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַהוּ, וְלֹא הָיָה מַרְגִּישׁ טַעַם בְּלִמּוּדוֹ וּבִתְפִלָּתוֹ.

**וְסִפֵּר לִפְנֵי שְׁנֵי אֲנָשִׁים בְּנֵי הַנְּעוּרִים**, וְנָתְנוּ לוֹ עֵצָה שֶׁיִּסַּע לְאוֹתוֹ צַדִּיק. וְאוֹתוֹ בֵּן הַנַּ"ל עָשָׂה מִצְוָה שֶׁבָּא עַל־יָדָהּ לִבְחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן.

**וְהָלַךְ אוֹתוֹ הַבֵּן יָחִיד וְסִפֵּר לְאָבִיו**, בַּאֲשֶׁר שֶׁאֵינוֹ מַרְגִּישׁ טַעַם בַּעֲבוֹדָתוֹ, כַּנַּ"ל וְחָסֵר לוֹ, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַהוּ. בְּכֵן הוּא רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְאוֹתוֹ צַדִּיק.

**וְהֵשִׁיב לוֹ אָבִיו**: אֵיךְ אַתָּה. בָּא לִנְסֹעַ אֵלָיו? הֲלֹא אַתָּה לַמְדָן יוֹתֵר מִמֶּנּוּ וּמְיֻחָס יוֹתֵר מִמֶּנּוּ? לֹא נָאֶה לְךָ לִנְסֹעַ אֵלָיו, כַּלֵּךְ מִדֶּרֶךְ זוֹ! עַד שֶׁמָּנַע אוֹתוֹ לִנְסֹעַ.

**וְחָזַר לְלִמּוּדוֹ** וְשׁוּב הִרְגִּישׁ חִסָּרוֹן, כַּנַּ"ל, וְהִתְיַעֵץ שׁוּב עִם אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הַנַּ"ל, וְיָעֲצוּ אוֹתוֹ כְּמִקֹּדֶם לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק, וְשׁוּב הָלַךְ לְאָבִיו, וְהִטָּה אוֹתוֹ אָבִיו וּמָנַע אוֹתוֹ כַּנַּ"ל. וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים.

**וְהַבֵּן הַנַּ"ל הָיָה מַרְגִּישׁ שֶׁחָסֵר לוֹ**, וְהָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד לְמַלְּאוֹת חֶסְרוֹנוֹ, וְלֹא יָדַע מַהוּ, כַּנַּ"ל, וּבָא עוֹד לְאָבִיו וְהִפְצִיר בּוֹ, עַד שֶׁהֻכְרַח אָבִיו לִנְסֹעַ עִמּוֹ, כִּי לֹא רָצָה לְהַנִּיחַ אוֹתוֹ לִנְסֹעַ לְבַדּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁהָיָה בֵּן יָחִיד.

**וְאָמַר לוֹ אָבִיו**: הֲלֹא תִּרְאֶה שֶׁאֶסַּע עִמְּךָ, וְאַרְאֶה לְךָ שֶׁאֵין בּוֹ מַמָּשׁ. וְאָסְרוּ הַמֶּרְכָּבָה וְנָסְעוּ. אָמַר לוֹ אָבִיו: בָּזֶה אֲנַסֶּה: אִם יִתְנַהֵג כְּסֵדֶר, הוּא מִן הַשָּׁמַיִם, וְאִם לָאו - אֵינוֹ מִן הַשָּׁמַיִם, וְנַחֲזֹר.

**וְנָסְעוּ וּבָאוּ אֶל גֶּשֶׁר קָטָן**, וְנָפַל סוּס אֶחָד, וְהַמֶּרְכָּבָה נִתְהַפְּכָה וְכִמְעַט נִטְבְּעוּ. אָמַר לוֹ אָבִיו: רְאֵה שֶׁאֵינוֹ מִתְנַהֵג כְּסֵדֶר, וְאֵין הַנְּסִיעָה מִן הַשָּׁמַיִם, וְחָזְרוּ.

**וְחָזַר הַבֵּן לְלִמּוּדוֹ**, וְשׁוּב רָאָה הַחִסָּרוֹן שֶׁחָסֵר לוֹ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ. וְחָזַר וְהִפְצִיר בְּאָבִיו כַּנַּ"ל, וְהֻכְרַח לִנְסֹעַ עִמּוֹ שֵׁנִית וּכְשֶׁנָּסְעוּ הֶעֱמִיד אָבִיו הַנִּסָּיוֹן כְּבָרִאשׁוֹנָה אִם יִתְנַהֵג כְּסֵדֶר.

**וְנִזְדַּמֵּן כְּשֶׁהָיוּ נוֹסְעִים וְנִשְׁבְּרוּ שְׁנֵי הַיָּדוֹת**, (שֶׁקּוֹרִין אַקְסִין), וְאָמַר לוֹ אָבִיו: רְאֵה שֶׁאֵינוֹ מִתְנַהֵג לָנוּ לִנְסֹעַ, כִּי הַאִם זֶה דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, שֶׁיִּשְׁתַּבְּרוּ שְׁנֵי הָאַקְסִין? וְכַמָּה פְּעָמִים שֶׁנָּסְעוּ עִם הַמֶּרְכָּבָה הַזֹּאת, וְלֹא נִזְדַּמֵּן כָּזֹאת. וְחָזְרוּ.

**וְחָזַר הַבֵּן הַנַּ"ל לְדַרְכּוֹ**, כַּנַּ"ל (הַיְנוּ לְלִמּוּדוֹ וְכוּ', כַּנַּ"ל), וְשׁוּב הִרְגִּישׁ הַחִסָּרוֹן, כַּנַּ"ל, וְהָאֲנָשִׁים יָעֲצוּ אוֹתוֹ לִנְסֹעַ. וְחָזַר לְאָבִיו וְהִפְצִיר אוֹתוֹ, כַּנַּ"ל, וְהֻכְרַח לִנְסֹעַ עִמּוֹ עוֹד.

**וְאָמַר לוֹ הַבֵּן** שֶׁלֹּא נַעֲמֹד עוֹד עַל נִסָּיוֹן כָּזֶה, כִּי זֶה דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, שֶׁנּוֹפֵל סוּס לִפְעָמִים, אוֹ שֶׁנִּשְׁתַּבְּרִין הָאַקְסִין, אִם לֹא שֶׁיִּהְיֶה אֵיזֶה דָּבָר מֻרְגָּשׁ מְאֹד. וְנָסְעוּ וּבָאוּ לְקְרֶעטְשְׁמֶע לָלוּן,

**וּמָצְאוּ שָׁם סוֹחֵר**, וְהִתְחִילוּ לְסַפֵּר עִמּוֹ כְּדֶרֶךְ הַסּוֹחֲרִים, וְלֹא גִּלּוּ לוֹ שֶׁהֵם נוֹסְעִים לְשָׁם, כִּי הָרַב הָיָה מִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ לוֹמַר שֶׁנּוֹסֵעַ לְאוֹתוֹ הַצַּדִּיק,

**וְהָיוּ מְדַבְּרִים מֵעִסְקֵי הָעוֹלָם**, עַד שֶׁבְּסִבּוּב הַדְּבָרִים הִגִּיעוּ לְסַפֵּר מִצַּדִּיקִים, הֵיכָן נִמְצָאִים צַדִּיקִים,

**וְסִפֵּר לָהֶם שֶׁשָּׁם נִמְצָא צַדִּיק**, וְשָׁם, וְשָׁם, וְהִתְחִילוּ הֵם לְדַבֵּר מֵהַצַּדִּיק שֶׁנָּסְעוּ אֵלָיו.

**הֵשִׁיב לָהֶם:** זֶה? (בִּלְשׁוֹן תְּמֵהַּ) הֲלֹא קַל הוּא, כִּי אֲנִי נוֹסֵעַ עַכְשָׁו מִמֶּנּוּ, וַאֲנִי הָיִיתִי שָׁם, שֶׁהָיָה עוֹבֵר עֲבֵרָה.

**עָנָה אָבִיו וְאָמַר לִבְנוֹ:** הֲרָאִיתָ, בְּנִי, מַה שֶּׁזֶּה הַסּוֹחֵר מְסַפֵּר לְפִי תֻּמּוֹ: וַהֲלֹא הוּא נוֹסֵעַ מִשָּׁם. וְחָזְרוּ לְבֵיתָם.

**וְנִפְטַר אוֹתוֹ הַבֵּן**, וּבָא בַּחֲלוֹם לְהָרַב הַנַּ"ל אָבִיו, וְרָאָה אוֹתוֹ שֶׁהָיָה עוֹמֵד בְּכַעַס גָּדוֹל וְשָׁאַל אוֹתוֹ: לָמָּה אַתָּה בְּכַעַס כָּל־כָּךְ?

**וְהֵשִׁיב לוֹ שֶׁיִּסַּע לְאוֹתוֹ הַצַּדִּיק הַנַּ"ל** (שֶׁרָצָה לִנְסֹעַ עִם בְּנוֹ אֵלָיו, כַּנַּ"ל), וְהוּא יַגִּיד לְךָ עַל מָה אֲנִי בְּכַעַס. וְהֵקִיץ, וְאָמַר שֶׁמִּקְרֶה הוּא. **אַחַר־כָּךְ חָלַם לוֹ עוֹד** כַּנַּ"ל, וְאָמַר שֶׁהוּא גַּם־כֵּן חֲלוֹם שָׁוְא, וְכֵן עַד שָׁלֹשׁ פְּעָמִים. וְהֵבִין: הֲלֹא דָּבָר הוּא. **וְנָסַע לְשָׁם.**

**וּפָגַע בְּהַדֶּרֶךְ אֶת הַסּוֹחֵר** שֶׁפָּגַע מִקֹּדֶם, בְּעֵת שֶׁנָּסַע עִם בְּנוֹ, וְהִכִּיר אוֹתוֹ

**וְאָמַר לוֹ:** הֲלֹא אַתָּה הוּא שֶׁרְאִיתִיךָ בְּאוֹתוֹ הַקְּרֶעטְשְׁמֶע? וְהֵשִׁיב לוֹ: בְּוַדַּאי רָאִיתָ אוֹתִי.

**וּפָתַח פִּיו** וְאָמַר לוֹ: אִם תִּרְצֶה, **אֶהְיֶה בּוֹלֵעַ אוֹתְךָ.** אָמַר לוֹ: מָה אַתָּה מְדַבֵּר?

**הֵשִׁיב לוֹ:** זָכוּר אַתָּה, כְּשֶׁנָּסַעְתָּ עִם בִּנְךָ. וּבִתְחִלָּה נָפַל סוּס עַל הַגֶּשֶׁר וְחָזַרְתָּ. אַחַר־כָּךְ נִשְׁבְּרוּ הָאַקְסִין, אַחַר־כָּךְ פָּגַעְתָּ בִּי, **וְאָמַרְתִּי לְךָ שֶׁהוּא קַל.**

**וּמֵאַחַר שֶׁפְּטַרְתִּי אוֹתוֹ**, אֶת בִּנְךָ, עַכְשָׁו אַתָּה רַשַּׁאי לִנְסֹעַ, כִּי הוּא הָיָה **בִּבְחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן**, וְהַצַּדִּיק הַנַּ"ל הוּא **בִּבְחִינַת מָאוֹר הַגָּדוֹל**, וְאִם הָיוּ מִתְוַעֲדִים יַחַד, הָיָה בָּא מָשִׁיחַ; וְכֵיוָן שֶׁפְּטַרְתִּי אוֹתוֹ, אַתָּה רַשַּׁאי לִנְסֹעַ.

**וּבְתוֹךְ דְּבָרָיו נֶעֱלַם**, וְלֹא הָיָה לוֹ עִם מִי לְדַבֵּר.

**וְנָסַע הָרַב אֶל הַצַּדִּיק וְצָעַק:** חֲבָל! חֲבָל! חֲבָל עַל דְּאַבְדִין וְלָא מִשְׁתַּכְּחִין!

**הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יָשִׁיב נִדָּחֵינוּ בְּקָרוֹב, אָמֵן.**

**וְזֶה הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל הָיָה הס"מ** (הַסָּמֶ"ךְ־מֵ"ם) בְּעַצְמוֹ (שֶׁנִּדְמָה לְסוֹחֵר וְהִטְעָה אוֹתָם, וְאַחַר־כָּךְ, כְּשֶׁפָּגַע שֵׁנִית בְּהָרַב הַנַּ"ל, הִתְגָּרָה עִמּוֹ הוּא בְּעַצְמוֹ עַל אֲשֶׁר שָׁמַע לַעֲצָתוֹ, כִּי כֵן דַּרְכּוֹ, כַּיָּדוּעַ),

# הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַצִּילֵנוּ.

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
## מַעֲשֶׂה ח – דֶער ׳רָב׳ אוּן דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳

### [פֶּרֶק א]

[א] מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳רָב׳! – דֶער ׳רָב׳ הָאט הָאט קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט! – דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ ׳בֶּן־יָחִיד׳, אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען [אוֹיפְגֶעצוֹיגְן], אוּן עֶר הָאט אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט!

דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ פְּלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף [אִין] אַ ׳אוֹיבֶער־שְׁטִיבְּל׳ [בוֹידֶעם], אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט – אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים – אוּן פְּלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג]!

נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעפִּילְט, אַז סְ׳פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ ׳חִסָרוֹן׳, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס – אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִּילְט קַיין ׳טַעַם׳ אִין דֶעם ׳לֶערְנֶען׳, אוּן אִין דֶעם ׳דַאוְונֶען׳!

הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט! – הָאבְּן זֵיי אִים אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן: ״אַז עֶר זָאל פָאְרְן צוּ דֶעם אוּן דֶעם ׳צַדִיק׳״!

*

אוּן דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ הָאט גֶעטָאן אַ ׳מִצְוָה׳, וָואס דוּרְךְ דֶער ׳מִצְוָה׳, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה [פוּן] ׳מָאוֹר־הַקָטָן׳ [דֶער ׳קְלֵיינֶער בַּאלַייכְטֶער׳ – דִי ׳לְבָנָה׳ וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז]!

[ב] אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳, אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין ׳פָאטֶער׳: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] עֶר פִּילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין ׳עֲבוֹדָה׳ (כְּלוֹמַר: אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט, דְהַיְינוּ: ׳דַאוְונֶען׳ אוּן ׳לֶערְנֶען׳, אוּן ׳אַנְדֶערֶע מִצְוֹת׳) – אוּן סְ׳גֵייט אִים אָפּ [סְ׳פֶעלְט אִים], אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] וִויל עֶר פָאְרְן צוּ דֶעם [דָאזִיגְן] ׳צַדִיק׳״ (וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאט אִים דֶער ׳פָאטֶער׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וִוי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָאְרְן, דוּ בִּיזְט זִיךְ [דָאךְ] מֶער ׳לַמְדָן׳ פוּן אִים, אוּן מֶער ׳מְיוּחָס׳ פוּן אִים – סְ׳שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן, צוּ אִים צוּ פָאְרְן – גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג״!

בִּיז דֶער ׳פָאטֶער׳ הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט, צוּ פָאְרְן צוּם ׳צַדִיק׳!

*

הָאט זִיךְ דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ ווִידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפִּילְט דֶעם ׳חִסָרוֹן׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאט עֶר ווִידֶער אַ עֵצָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן – הָאבְּן זֵיי אִים ווִידֶער דִי [זֶעלְבֶּע] עֵצָה גֶעגֶעבְּן: ״אַז עֶר זָאל פָאְרְן צוּ דֶעם ׳צַדִיק׳״!

אִיז עֶר ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳פָאטֶער׳ – הָאט אִים דֶער ׳פָאטֶער׳ ווִידֶער אָפְּגֶעשְׁלָאגְן [צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן], אוּן הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט!

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל!

[ג] אוּן דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ הָאט אַלְץ גֶעפִּילְט: ״אַז סְ׳גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ״ [סְ׳פֶעלְט אִים עֶפֶּעס]! – אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: ״עֶר זָאל מְמַלֵא זַיין [עֶרְפִילְן] דֶעם חִסָרוֹן״ (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן, אַז סְ׳זָאל אִים נִישְׁט אָפְּגֵיין)!

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער חִסָרוֹן אִיז, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם ׳פָאטֶער׳, אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן – בִּיז דֶער ׳פָאטֶער׳ הָאט גֶעמוּזְט מִיט אִים פָאְרְן – וָוארְן דֶער ׳פָאטֶער׳ הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין לָאזְן פָאְרְן, מַחֲמַת [צוּלִיב] עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ ׳בֶּן־יָחִיד׳!

*

הָאט אִים דֶער ׳פָאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעה, אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָאְרְן, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט״ (כְּלוֹמַר: אַז דֶער ׳צַדִיק׳ אִיז נִישְׁט)!

הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי ׳בְּרִיקֶע׳ [פֶערְד אוּן וָואגְן], אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן!

הָאט דֶער ׳פָאטֶער׳ צוּם ׳זוּהְן׳ גֶעזָאגְט: ״דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּבְן – [אוֹיב] וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן ׳כְּסֵדֶר׳, אִיז עֶס מִן־הַשָׁמַיִם – אוּן אַז נִישְׁט, אִיז נִישְׁט מִן־הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן פָאְרְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן]״!

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן!

*

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ קְלֵיין 'בְּרִיקְל' [בְּרִיק] – אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ 'פֶערְד', אוּן דִי 'בְּרִיקֶע' [פֶערְד אוּן וָואגְן] הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיעוּר [כִּמְעַט] דֶערְטְרוּנְקְן גֶעוָוארְן!

הָאט אִים דֶער 'פָּאטֶער' גֶעזָאגְט: "זֶעהְסְטוּ, אַז ס'פִּירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר, אוּן דִי 'נְסִיעָה' אִיז נִישְׁט מִן־הַשָּׁמַיִם"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]!

[ד] הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער 'בֶּן־יָחִיד' גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – אוּן הָאט ווִידֶער גֶעזֶעהְן: "אַז ס'גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ [ס'פֶעלְט אִים עֶפֶּעס], אוּן עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס"!

הָאט עֶר ווִידֶער מַפְצִיר גֶעוֶועְן [זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן] דֶעם 'פָּאטֶער'! – הָאט דֶער 'פָּאטֶער' גֶעמוּזְט מִיט אִים נָאכְאַמָאל פָארְן.

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן – הָאט דֶער 'פָּאטֶער' ווִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּב, אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר: "אוֹיב ס'וֶועט זִיךְ פִירְן כְּסֵדֶר" (וְכוּ' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

*

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן בֵּיידֶע 'אַקְסְן' [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי 'פֶערְד' צוּם 'וָואגְן']!

הָאט אִים דֶער 'פָּאטֶער' גֶעזָאגְט: "זֶעה אַז ס'פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן פָארְן – וָוארְן אִיז דָאס דֶען אַ 'דֶרֶךְ־הַטֶבַע', אַז בֵּיידֶע 'אַקְסְן' זָאלְן צוּבְּרָאכְן ווֶערְן? – ווִיפִיל מָאל מְ'אִיז [אִיז מֶען שׁוֹין] גֶעפָארְן מִיט דֶער 'בְּרִיקֶע' [פֶערְד אוּן וָואגְן], אוּן ס'הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן" [בִּיז הַיינְט הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ]?!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]!

## [פֶּרֶק ב]

[א] הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן־יָחִיד' ווִידֶער גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען וְכוּ' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן הָאט ווִידֶער גֶעפִילְט דֶעם 'חִסָּרוֹן' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט [צוּגֶערֶעדְט]: "אַז עֶר זָאל פָארְן"!

*

אִיז דֶער 'בֶּן־יָחִיד' ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם 'פָּאטֶער', אוּן הָאט אִים ווִידֶער מַפְצִיר גֶעוֶועְן [זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן] – הָאט עֶר גֶעמוּזְט נָאכְאַמָאל מִיט אִים פָארְן!

*

הָאט דֶער 'בֶּן־יָחִיד' צוּם 'פָּאטֶער' גֶעזָאגְט: "אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַזוֹי אַ [אַזַא] פְּרוּב! וָוארְן דָאס אִיז אַ 'דֶרֶךְ־הַטֶבַע', אַז ס'פַאלְט אַמָאל אַ 'פֶערְד' אַרָאפּ, אָדֶער ס'וֶוערְן 'אַקְסְן' [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי 'פֶערְד' צוּם 'וָואגְן'] צוּבְּרָאכְן – סַיידְן [חוּץ אוֹיבּ] ס'וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ ווִילְדֶע זַאךְ".

[ב] זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן, אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעכְטִיגְן אִין אַ 'קְרֶעטְשְׁמֶע'!

הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען אַ 'סוֹחֵר' – הָאבְּן זֵיי מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַזוֹי־ווִי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחֲרִים – אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט, אַז זֵיי פָארְן אַהִין (צוּ אַ 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד]) – וָוארְן דֶער 'רַב' הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן, אַז עֶר פָארְט צוּ דֶעם [דָאזִיגְן] 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד]!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועלְט זַאכְן – בִּיז אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן 'גוּטֶע־אִידְן', וואוּ ס'גֶעפוּנֶען זִיךְ 'גוּטֶע־אִידְן'!

הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'סוֹחֵר'): "אַז דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ 'גוּטֶער־יְהוּדִי' [גוּטֶער־אִיד], אוּן [אוֹיךְ] דָארְט אוּן דָארְט"!

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן: "פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד], וָואס זֵיי פָארְן צוּ אִים"!

הָאט דֶער 'סוֹחֵר' זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "'דֶער'? (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי מְ'פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ), עֶר אִיז זִיךְ אַ 'קַל' (כְּלוֹמַר: נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער יְהוּדִי [אִיד])! – אָט פָאר אִיךְ פוּן אִים, בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גֶעוֶועְן, אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַ עֲבֵירָה"!

הָאט זִיךְ דֶער 'פָּאטֶער' אָנְגֶערוּפְן (צוּם 'בֶּן־יָחִיד'): "זֶעהְסְטוּ מַיין קִינְד, וָואס דֶער 'סוֹחֵר' דֶערְצֵיילְט לְפִי תוּמוֹ! (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְכַוֵּון אִין מִיסְטְנֶע צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטְס פוּן דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד], נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) [עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס נִישְׁט דַוְוקָא בְּכַוָּנָה, נָאר צְווִישְׁן זַיינֶע וֶוערְטֶער, הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ בִּתְמִימוּת דֶערְצֵיילְט]! – אָט פָארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] אַהֵיים (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' מִיט דֶעם 'בֶּן־יָחִיד')!

[ג] אִיז דֶער 'זוּהְן' גֶעשְׁטָארְבְּן – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם 'פָּאטֶער' – הָאט דֶער 'פָּאטֶער' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס"!

הָאט דֶער 'פָּאטֶער' אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער 'זוּהְן' וָואס סְ'גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם 'פָּאטֶער'): "אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ דֶעם [דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד], וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרִיעֶר פָארְן צוּ אִים – וֶועט עֶר דִיר זָאגְן, פַארְוָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס"?!

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "סְ'אִיז אַ מִקְרֶה" (כְּלוֹמַר: סְ'נָאר אַ חָלוֹם, נִישְׁט קַיין אֱמֶת)!

נָאכְדֶעם: הָאט זִיךְ אִים וִוידֶער אַזוֹי גֶעחָלוֹמְ'ט! – הָאט עֶר וִוידֶער גֶעמֵיינְט: "סְ'אִיז אַ פַאלְטְשֶׁער חָלוֹם"!

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶועז דְרַיי מָאל – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] זַאךְ"!

[ד] אִיז עֶר גֶעפָארְן אַהִין! (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' אִיז גֶעפָארְן צוּ דֶעם [דָאזִיגְן] 'גוּטְן־יְהוּדִי' [גוּטְן־אִיד], וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין 'זוּהְן' אַהִין)!

אוֹיף דֶעם [אוֹיפְן] וֶועג, הָאט עֶר וִוידֶער בַּאגֶעגְנְט דֶעם 'סוֹחֵר' וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר בַּאגֶעגְנְט, אַז [וֶוען] עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין 'זוּהְן'.

אוּן דֶער 'רָב' הָאט אִים דֶערְקֶענְט – אוּן דֶער 'רָב' הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'סוֹחֵר': "דוּ בִּיזְט זִיךְ דֶער, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶעהְן אִין דֶער 'קְרֶעטְשְׁמֶע'"?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים [דֶער 'סוֹחֵר']: "אַוַודְאַי הָאסְטוּ מִיךְ גֶעזֶעהְן"! – אוּן [דֶער 'סוֹחֵר'] עֶפְנְט אוֹיף דָאס מוֹיל, אוּן זָאגְט צוּ אִים [צוּם 'רָב']: "אַז דוּ וִוילְסְט, אָט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין"!

זָאגְט עֶר צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' צוּם 'סוֹחֵר'): "וָואס רֶעדְסְטוּ"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גֶעדֶענְקְסְטוּ, אַז [וֶוען] דוּ בִּיזְט גֶעפָארְן מִיט דַיין 'זוּהְן', אוּן פְרִיעֶר [אָנְהֵייבּ

אִיז אַ 'פֶערְד' אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער 'בְּרִיק', הָאסְטוּ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]! – דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי 'אַקְסְן' [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי 'פֶערְד' צוּם 'וָואגְן'] צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן! – דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגְנְט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז אַ 'קַל'!

הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין 'זוּהְן' גֶע'פַּטְרְ'ט, הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָארְן – וָוארְן דֶער 'זוּהְן' אִיז גֶעוֶועזְן אַ בְּחִינַת 'מָאוֹר־הַקָטָן' [דֶער 'קְלֵיינֶער בַּאלַייכְטֶער' – דִי 'לְבָנָה' וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז], אוּן דֶער 'צַדִיק' וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּ אִים פָארְן, עֶר אִיז אַ בְּחִינַת 'מָאוֹר־הַגָדוֹל' [דֶער 'גְרוֹיסֶער בַּאלַייכְטֶער' – דִי 'זוּן' וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז] – אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ גֶעוֶועזְן אִינְאֵיינֶעם צוּם אוֹיפְקוּמֶען [צוּנוֹיפְקוּמֶען], וָואלְט 'מָשִׁיחַ' גֶעקוּמֶען.

אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶע'פַּטְרְ'ט, מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָארְן"!

דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעלְם גֶעוָוארְן אִין דִי רֵייד (כְּלוֹמַר: דֶער 'סוֹחֵר' אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד), אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן!

[ה] אִיז דֶער 'רָב' גֶעפָארְן צוּ דֶעם 'צַדִיק', אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד, חֲבַל עַל דְאַבְדִין וְלָא מִשְׁתַּכְּחִין" (וֵויי אוֹיף דֶעם וָואס סְ'פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מְ'קֶען נִישְׁט גֶעפוּנֶען)!

*

אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'סוֹחֵר' – אִיז גֶעוֶועזְן דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם' אַלֵיין, וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר', אוּן הָאט זֵיי אָפְּגֶענַארְט!

אוּן דֶערְנָאךְ, אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגְנְט מִיט דֶעם 'רָב' – הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גֶערֵייצְט – נָאךְ [נָאכְדֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט.

וָוארְן אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם 'יֵצֶר־הָרָע': פְרִיעֶר [אָנְהֵייבּ] רֶעדְט עֶר אָן דֶעם מֶענְטְשְׁן! – אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ פָאלְגְט אִים חַס־וְשָׁלוֹם, רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶערְנָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם, נָאךְ [נָאכְדֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט!

הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִיל זַיין פוּן אִים, אוּן זָאל אוּנְז אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן] צוּם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת, אָמֵן.

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

## בחינה אויף סיפורי מעשיות

### די אכטע מעשה - מרב ובן יחיד

**א. וואס האט געפעלט פארן בן יחיד?**
- ☐ ער האט נישט געקענט לערנען.
- ☐ ער האט נישט געפילט א טעם ביים לערנען און דאווענען.
- ☐ ער האט נישט געקענט דאווענען.

**ב. וואספארא עצה האט מען אים געגעבן?**
- ☐ פָארְן צו דעם און דעם צדיק.
- ☐ לערנען מער פלייסיג.
- ☐ טוהן חסד מיט א צווייטן.

**ג. ווער האט אים געגעבן די עצה?**
- ☐ זיין טאטע
- ☐ זיין רבי
- ☐ צוויי יונגע לייט

**ד. דורך וועלכע מצוה איז צוגעקומען דער בן יחיד צו א בחינה פון "מאור הקטן"?**
- ☐ ער האט געלערנט אסאך שעות רצופות.
- ☐ געדאוונט מיט כוונה און דביקות.
- ☐ דער רבי זאגט נישט וועלכע מצוה

**ה. וואס האט אים זיין טאטע געענטפערט ווען ער האט געבעטן צו פארן צום צדיק?**
- ☐ דו ביסט מער א למדן פון אים.
- ☐ דו ביסט מער א מיוחס פון אים .
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. פארוואס האט זיין טאטע געמוזט פארן מיט אים?**
- ☐ ווייל ער האט נישט געוואלט אים לאזן פארן אליין, ווייל ער איז א בן יחיד.
- ☐ ווייל ער האט געוואלט האנדלען דארטן.
- ☐ ווייל ער האט געוואלט קענען דעם צדיק.

**ז. וואס האט פאסירט ביים פארן צום צדיק דעם צווייטן מאל?**
- ☐ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט, און זיי זענען שיר דערטרונקען געווארן.
- ☐ זיי האבן געפונען א סוחר אין אכסניא.
- ☐ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסְין.

**ח. וואס האט זיי דערציילט דער סוחר אויף יענעם צדיק?**
- ☐ אז ער איז די בחינה פון מאור הגדול.
- ☐ אז ער איז א קל , און ער האט געטאן איין עבירה.
- ☐ אז ער איז זייער א גרויסער צדיק.

**ט. האט דער רב מיטן בן יחיד ממשיך געווען צו פארן צום צדיק ?**
- ☐ זיי האבן ממשיך געווען.
- ☐ זיי זענען געפארן צו א צווייטער צדיק.
- ☐ זיי האבן זיך אומגעקערט צוריק אהיים.

**י. וואס האט פאסירט מיטן בן יחיד נאכדעם?**
- ☐ ער איז געשטארבן.
- ☐ ער איז געווארן מער א למדן.
- ☐ ער האט אפגעלאזט דעם לערנען.

**יא. וואס האט דער בן יחיד געענטפערט פאר זיין טאטע ווען ער איז געקומען צו אים אין חלום ?**
- ☐ ער זאל לערנען תורה לעילוי נשמתו.
- ☐ ער זאל פארן צום צדיק, כדי צו טרעפן דעם סוחר אין וועג.
- ☐ ער זאל פארן צום צדיק, און דער צדיק וועט אים זאגן פארוואס איז דער בן יחיד בכעס.

**יב. וואס האט פאסירט פארן רב ביים וועג צום צדיק, נאך זיין חלום?**
- ☐ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט.
- ☐ ער האט געפונען דעם סוחר.
- ☐ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסְין.

**יג. וואס האט דער סוחר געזאגט פארן רב?**
- ☐ ער זאל שנעל פארן צום צדיק.
- ☐ ער זאל צוריק פארן אהיים אין שטוב.
- ☐ אז דו ווילסט, האט שלינג איך דיר איין.

**יד. וואס וואלט פאסירט אויב דער בן יחיד וואלט זיך געטראפן מיטן צדיק?**
- ☐ וואלט זיך אויפגעבויעט דער בית המקדש.
- ☐ וואלט משיח געקומען.
- ☐ וואלט ער געווען מער א למדן.

**טו. וואס האט דער רב געשריגן ווען ער איז געקומען צום צדיק?**
- ☐ קיין יאוש איז נישט פאראאנדין.
- ☐ געוואלד געוואלד.
- ☐ גיב מיר א וועג צו תשובה טאהן.

**טז. ווער איז באמת געווען דער סוחר?**
- ☐ דער ס"מ אליין.
- ☐ איינער פון די צוויי יונגע לייט.
- ☐ א מלך וואס האט זיך פארשטעלט אויף א סוחר

**השי"ת זאל אונז מציל זיין פון אים, און זאל אונז אומקערן צום רעכטן אמת מיט אסאך הצלחה!!!**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף,
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדעווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

**צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095**

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ח' - מרב ובן יחיד

**א. מה היה חסר לבן יחיד?**
- ❑ לא היה יכול ללמוד.
- ❑ לא היה מרגיש טעם בלימודו ובתפילתו.
- ❑ לא היה יכול להתפלל.

**ב. איזה עצה קיבל?**
- ❑ לנסוע לאותו צדיק.
- ❑ ללמוד חזק יותר.
- ❑ לעשות חסד עם הזולת

**ג. מי נתן לו את העצה ?**
- ❑ אביו.
- ❑ רבו.
- ❑ שני אנשים בני הנעורים.

**ד. ע"י איזה מצוה הגיע הבן לבחינה "מאור הקטן"?**
- ❑ למד הרבה שעות רצופות.
- ❑ התפלל בכוונה ובדביקות.
- ❑ רבינו לא פירש איזה מצוה.

**ה. מה ענה לו אביו כשביקש לנסוע לצדיק?**
- ❑ אתה למדן יותר ממנו.
- ❑ אתה מיוחס יותר ממנו.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ו. למה הוכרח אביו לנסוע עמו לצדיק?**
- ❑ כי לא רצה להניח אותו לנסוע לבדו.
- ❑ כי רצה לעשות מסחר שם.
- ❑ כי הוא רצה ג"כ להכירו.

**ז. מה קרה בפעם השניה בדרכם לצדיק?**
- ❑ נפל סוס אחד וכמעט נטבעו.
- ❑ פגשו את הסוחר באכסניא.
- ❑ נשברו שני הידות של המרכבה.

**ח. מה סיפר להם הסוחר על אותו צדיק ?**
- ❑ שהוא בחינת המאור הגדול.
- ❑ הוא קל ועבר עבירה.
- ❑ שהוא צדיק גדול מאוד.

**ט. האם הרב ובן יחיד המשיכו לנסוע לצדיק?**
- ❑ המשיכו.
- ❑ נסעו לצדיק אחר.
- ❑ חזרו לביתם.

**י. מה קרה לבן יחיד אח"כ?**
- ❑ נפטר.
- ❑ נהיה למדן גדול.
- ❑ עזב את לימודו.

**יא. מה ענה הבן יחיד לאביו, כשנראה לו בחלום?**
- ❑ שילמד תורה לעילוי נשמתו.
- ❑ שיסע לצדיק כדי לפגוש את הסוחר בדרך.
- ❑ שיסע לאותו צדיק ויגיד לך למה אני בכעס.

**יב. מה קרה לרב, בדרך לצדיק, לאחר החלום?**
- ❑ נפל סוס אחד וכמעט נטבעו.
- ❑ פגש את הסוחר.
- ❑ נשברו שני הידות של המרכבה.

**יג. מה אמר הסוחר לרב?**
- ❑ שיסע מהר לאותו צדיק.
- ❑ שיחזור לביתו.
- ❑ אם תרצה אהיה בולע אותך.

**יד. מה היה קורה אם הבן היה נפגש עם הצדיק?**
- ❑ היה נבנה הבית המקדש.
- ❑ היה בא משיח.
- ❑ היה למדן יותר.

**טו. מה צעק הרב כשהגיע לצדיק?**
- ❑ אין שום יאוש בעולם כלל.
- ❑ חבל, חבל.
- ❑ תן לי דרך תשובה.

**טז. מי היה באמת הסוחר שפגשו באכסניא?**
- ❑ הס"מ בעצמו.
- ❑ אחד מבני הנעורים.
- ❑ מלך, שהתחפש כסוחר.

## השם יתברך ישיב נדחנו בקרוב אמן - בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך